STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09746

TOY FUN SHTILKAYT

Rivka Kope

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון די מחברין
[illegible]
[illegible]

פאריז 30/6 1955

רבקה קאָפּע

טוי פון שטילקייט

טוי פון שטילקייט

ל י ד ע ר

1950 - 1946

ארויסגעגעבן
אין פארלאג

פ א ר י ז
— 1951 —

דאס בוך איז געדרוקט געווארן אין דער
דרוקעריי אבעסע פאריז אין יאר 1951.
פופציק עקזעמפלארן זיינען נומערירט פון
1 ביז 50 און געפינען זיך נישט אין פארקויף.
ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דער
געזעלשאפט „פידעליטע א לא פראנס“

R. KOPÉ : LA ROSÉE DU SILENCE, POÈMES. - IMPRIMÉRIE ABÉCÉ 11 RUE LOUIS BLANC, PARIS X· - COPY
RIGHT BY R. KOPÉ - PARIS

מיין אומגעקומענער משפחה
און אַלע קדושים פון מיין
היימשטאָט ווארשע

לזכרון

טוי פון שטילקייט

זעלבסט־פּאָרטרעט

איך האָב מיך אַנטדעקט,
ווי אַן אַסטראָנאָם — אַ נייעם קאָמעט.
אייביקייט באַוועגט זיך אין מיר,
ווי אין אָפּענעם אויג פון דער וועלט.
איך בין קוואַליקע פרייד פון אוממעסטבאַרע טיפן
און גליווערנדיקער טרויער, ווי קילע לאַווע.
כ׳בין צערטלדיקער אויסגוס
און טראָג אייזערנע שטאַרקייט,
ווי דער שטיין — אַ סוד.
איך קלאָג אויף מיין ווייבלעכקייט
און קוועל צו מיין קאָקעטעריי...
פון הימלדיק הויכער פּאַרריסנקייט
כ׳פאַל אין דעם נישטיקן קליינמוט אַרונטער.
עס קאָן אַ מאָל מיין ווילן דעם שאַרפסטן שניט געבן
און נערן זיך פון טעמפּסטער נאַרישקייט.
נאָנט איז מיר אַלץ,
ווי די לעצטע טיף
דעם וואָרעם פון דער ערד.
מיין צעשפּאַרנדיקע גוטסקייט
וואַקסט אַריבער די וועלט,
צערייסט די מינוטנדיקע שאָטנס פון מיין שלעכטקייט;
און אָט דאָס טראָגט מיין פּיצל חומר

און אַלץ האָט אַן אָרט !
אָ, גענוג !
לאָז נאָך אין מיין ערגעצוו,
לאָז דעם רייץ אינעם לויטערגלי
פון אַ נאָך ניט אַרויסגעזאָגטן וואָרט...

מיין היים

דעם אנדענק פון מיינע טייערע עלטערן

ווען מיין מוטער האָט מיך פון טראַכט געשטויסן,
איז זי שוין מיט מיר געשטאַנען אין גרויסן.
אַ מיידל, אַ מיידל, וואָס זי האָט באַגערט,
האָט גאָט איר נאָך זיבן קדישים באַשערט.
מיין פאָטער געווען נאָך פאַרליבט איבער די אויערן,
בין איך פון דעם צופאַל טאַקע געבוירן.
געווען אויך מסתם פון הימל אַ ווילן,
כ׳זאָל קומען אויף דרערד אַ פונקציע דערפילן.

מיין פאָטער, אַ ייד געווען חשוב און פיין,
נאָר ס׳לעבן האָט אים ניט פאַרגונען באַוועגלעך צו זיין.
ווי אַ שיף אַרום אַ פעלדז, האָט ער געקירעוועט זיינע יאָרן
און איז לאַנגזאַם, פּאַמעלעך זיין שליאַך אָפּגעפאָרן.
יעדן פרימאָרגן דער שמש פלעגט ראַפּטאָם
אייליק צום פאָטער אין פענצטער אַ קלאַפּ טאָן;
און אָפט פלעגט אַ קאָשמאַר אים שטראָפן און נאַרן
און פלעגט פון זיין קעל אַ ווילד קול אַרויסשפאַרן.
די קינדער, פאַר שרעק, פלעגן וויינען און שרייען
און די מוטער פלעגט די האַנט פון זיין האַרץ באַפרייען.—
דער משמש פון פויקן געווען איז שוין מיד,
צום לעצטן מנין געפעלט האָט אַ ייד...

אוי, האָט ער ליב געהאַט זיך פּוצן און קאַמען,
אַז דער באַהאַלטנסטער כעס איז אַרויס פון די צאַמען.
אַרבעט איז ביי אים געווען — אַ שווים־פאַרגעניגן...
זיין טואַלעט — ווי ביי אַ קינד אַ וויג־ניגון,
אַן עונג, אַ תענוג איז געווען קאַמען זיין בערדל, —
דערפאַר איז מיין מוטער געריטן אויפן פערדל.

מיין מוטער האָט דעם עול ווי אַ קרוין געטראָגן,
ניט געפּרוווט וואָלט דער סמבטיון זי איבעריאָגן.
ס׳לעבן איז ביי איר געווען אויף שרייפלעך אָנגעשטעלט,
מיט איין שפּרייז האָט זי געקאָנט אויסמעסטן די וועלט.
אַ מאַכינאַציע פון אַ זייגער איז געווען איר מוח,
און זי האָט פאַרמאָגט הערקולעסעם כוח.
דערפאַר איז איר לעבן געווען אַ יריד,
ווי ס׳גליענדיקע אייזן אונטערן האַמערס שמיד!
אַן אויטאָמאַט, וואָס האָט ניט געלעבט צו דער זעט,
איר האַנט — אַן אינסטרומענט נאָר אויף אַ געוועט.

די לעצטע ביינאַכט די אויגן פאַרשליסן,
און די ערשטע פון טאָג די וויעס געריסן.
איידער טאָגיקער צויבער מיט זונען־באַשלעגן
אויפן לאָדן געצומען זיין געמעל באַוועגן,
גלייך מיטן פויגל אין פריסטן באַגינען,
האָט מען זי ביים וואַרשטאַט געקאָנט שוין געפינען.
און אין גראָען ווינטער, ווען פראָסט האָט געקנאַקט,
האָט אַלץ געמוזט קלאַפּן ווי אַ פויק צום טאַקט.
נאָך איידער עס האָט זיך דער טאָג אויסגעפּיקט,
האָט די גריץ אויפן קוימען געפּאַרעט און געקוויקט.
צו זיין אַזאַ בריה, אויף ניט איבערטרייבן,
דאַרף מען זיין אַ קינסטלער, כדי דאָס צו באַשרייבן.
אַ דריי און אַ פלאַטער, אַ שפּרונג און אַ פלי,
פון בלוט און פון פלייש און פון לויטערן גלי.

פון הענט ווי צוויי פונקען, צוויי פייערדיקע בליצן,
איז אַרבעט געפאַלן צו טוצן, צו טוצן...

דאָס פרישטיק אויפן טיש האָט געלאַקט אין די טיפן
און ס'געזינדל אויפגעוועקט אין אַ לוסטיקן שטיפן.
נתן דוד! — פלעגט מיין מוטער איר מאַן מונטערן און רופן
און ער אונטערן שלאָף איז געלעגן בגילופין.
האָט מיין מוטער אונטער שווערן לאַסט זיך געבויגן
און דרייסט נאָך געקוקט איר גורל אין די אויגן. —
ווער שמועסט, אַז ס'איז געקומען אַ שבת, אַ יום־טוב,
איז אין שטוב געווען אַ שפע פון אַלץ, פון כל טוב.
געווען איז זי אויך אַ שפּאָרזאַמער מייסטער,
אַ מוסטער פון איינפאַל — און קנאַפּ אינעם טייסטער.
ניט איין מאָל פלעגט מוטער זיך באָרגן אין קלייטל
און געוואָרפן אַ קללה אינעם ליידיקן בייטל.
אויסגעקומען איז מען שטענדיק, ווי מיט מצוות אַ ייד,
ווייל קינדער זיינען מיר געווען — אַ גאַנצער יריד, —
אויף שבת, וואָס פאַר אַ חלות, וואָס פאַר אַ פייגל!
און פאַר יעדן קינד אַ באַזונדער טייגל.
אויף שלוש סעודות געדענק איך אַ סטריצל אַ ליאַלקע,
ספּעציעל אויף צו באַגלייטן די שבת־מלכה.
אירם אַ שטיקעלע פיש — כ'האָב גאָר קיין פאַרגלייך,
נאָך איצט רינט די סלינע פון מויל אין אַ טייך...
אַלץ אויסגעפערטיקט, אי זויבער, אי שנעל
און אַנטקעגן געגאַנגען דעם שבת אויף דער שוועל.
און ריין איז זי געווען און דערצו קאָקעט,
איר פּאַרוק אַזוי חנודיק צוגעגלעט,
איר געהאַפטן פאַרטוכל געפּרעסט אויף שטייף,
אַרום איר דינער טאַליע ווי אַ קידושין־רייף.

מיין פאָטער דער מאָדעל פון פאַמעלעך, אָן געאייל,
איז פרייטיק געפלויגן — ווי פון בויגן אַ פייל.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער פאַרקירצן די טעג
און פרייטיק געלאָזט ס׳פערדל אויף געיעג...

מיין פאָטער האָט אויך זיינע מעלות געטראָגן,
אַ קינסטלער־טאַלאַנט האָט פון אים געשלאָגן.
דער מלאך פון קונסט ביי זיין וויגל פלעגט זיצן
און באַהויכט מיט טאַלאַנט פון צייכענען און שניצן.
פון סאַלאָן־מעבל און צאַצקעס האָט ער געוואוירט,
די נאַטור אויף זיין אַרט מאַכן פּראָבירט.
צו אַמאָליקע שירעמס געשניצט די הענט,
זיין גאַנצן טאַלאַנט דערצו פאַרווענדט.
אַלץ, וואָס קאָן נאָר דרייסטן די מאָדע,
האָט ער געפורעמט און געגלעט מיט התמדה —
און טאַקע זיין בערדל געקאַמט און געגלעט
און געלאַסן זיין וועלטל זיך אויסגעבעט...
און אַזוי זיך פאַמעלעך, אַזוי זיך אָן זאָרגן,
„קום איך ניט היינט, קום איך דאָך מאָרגן“.
דאָס איז געווען זיין אייזערנער פּאַראָל,
דערפאַר האָט מוטער באַהערשט איר ראָל.

מיין מוטער האָט אין געהיים מיך אויסגעטראָגן מיט איר חלום,
כ׳זאָל נאָר קיין „קריכער“ ניט זיין, — ווי מיין פאָטער עליו־השלום.
אַז גאָט האָט איר שוין יאָ אַ טאָכטער באַשערט,
זאָל איך געראָטן אין איר — און ניט חלילה פאַרקערט...
כ׳האָב צעבלאָזן דעם פונק פון מיין אייגענעם ווילן
און געירשנט פוןביידע, וואָס מיר איז געפעלן...

פאַרוואָס ?

אויף אַלע וועגן שטייט די זון,
נאָר ניט דאָרטן, וווּ איך קום.
פאַרוואָס ?

ריין דער הימל אויפגעקווועלט,
קיין פּיצל ליכט אין מיין געצעלט.
פאַרוואָס ?

קיינער שטרעקט מיר ניט קיין האַנט,
וווּ איך קער מיך, וואַקסט אַ וואַנט.
פאַרוואָס ?

בלייב איך שטיין אין מיטן וועג,
אָנגעשפּאַרט אויף אַלטע טעג.
נאָך וואָס ?

נעם איך שפּינען מיין געמיט,
האָב איך טענער אויסגעשמידט.
נאָך וואָס ?

געוווּנקען האָט פון ווייט אַ גליק, —
און אויסגעלאָזט זיך גאָר אַ שטריק...
פאַרוואָס ?

צום וואָרצל

וואָרצל, גיב מיר לעבן!
דעם טעם וועל איך אַליין מיר געבן.

כ׳וועל מיך אָנקוועלן אין סאַמע מיטן וועלט;
גיב לעבן דיין קלעטערנדיקן פלאַנץ.
איך בין ניט קיין העלד —
און נאָך מער ווי אַ העלד.

איך גיי אויף פון צער, העכער ווי פון גליק,
אַריבער דעם הימלישן קופּאָל.

יאָ, אַזוי קליין ווי איך בין.
קיינער ווייסט ניט, וואָס איך וויל,
קיינער ווייסט ניט, פון וואַנען איך קום.
די וועלט טראָגט אין מיר
און איך אין איר
און ביידע זיינען מיר איינס.
און איך בין מיליאָנען.

וואָרצל, גיב מיר לעבן!
דעם טעם וועל איך אַליין מיר געבן.

נעם מיין האַרץ און טרינק דיך אָן

נאַ וועלט, נעם מיין האַרץ
און טרינק עס אָן מיט לעבן.
גיי אין אַלע וויטן,
גיי צו די געשלאָגענע,
טונק דיך אין אַלע מדרגות פון מענטשלעכן צער.
שפּאַר אָן אין אַלע ברונעמס
און שעפּ אויס דעם תוהו ובוהו
פון מענטשן-צערינסקייט.
קלויב אויף אַלע ברעקלעך און מאַך אַ קוויטש,
צעפלעכט דיין אַדערן-האַרץ
און טרינק עס אָן ווי אַ שוואָם
מיט יעדן טאָן פון מענטשן-וויי,
פון יעדן זיפץ אַ דימענט שלאָג אויס.
ריים אויף אַלע טומאַנען-קלימפּערס
פון פאַרגליווערטן קלעם,
נעם און נעם! —
כ'דאַרף ניט קיין חכמה!
כ'וויל ניט קיין שאַרפזין!
שטויס אָפּ דעם שאַרף פון שכל
מיטן ערשטן האַרץ-קלאַפּ.
כ'וויל אַ שמייכל פלעכטן דער מענטשהייט,
איידלשטיינער פאַר דער נשמה.

טאָ ברעך דורך אַלע צוימען
צום העכסטן ציל־געפיל!
נער דיך מיט גוטסקייט און ליבע!
גיב בלוט דעם געפאַלענעם!
און אַזוי, האַרץ מיינס,
און אַזוי אָנגעזאַפּט,
קום צוריק צו מיר,
צוריק קום,
אויף די ליליען־פינגער פון דער זון —
צעפּראַל דעם קליינעם שטח
פון מיין גוף און נשמה
און פיל מיך אָן מיטן וועלטן־טעם —
און איצט, האַרץ,
ווען דו דער וועלט אויסשרייען:
נאַ וועלט,
נעם מיין האַרץ און טרינק דיך אָן!

כ'גיי אויף...

כ'גיי אויף אין האָריזאָנט — אַ צעפּלאַטערטער זעפּיר,
אָנגעטאָן אין סאַמעטענעם מיי,
און ביים איין די זון ווי אַ זאַפטיקן עפּל,
און שטאַפּל אין דער לופטיקער פריי.

זיינען מיינע גלידער ווי אָנגעקוואָלענע שטענגלעך,
מאַכן צו יעדעם בלימל אונטער זיין פרוכט,
כ'פאַל צו דער ערד ווי אַ קערן אַ פּעטער
און וואַקס אַרויס ווי אַ פאַרביקער טוף פון צוכט.

וואַרעמע ווינטן מיט גלוטיקן תכלית
טאָקן פון מיר אַ געלעכטער אַרויס,
ווערט פונעם עכאָ אַ פייגלישע זמירה,
וואָס פאַרגייט אין אַ לויב פאַרן וועלטישן גרויס.

ליד

ליד, איך האָב דיך ניט אַרויסגעוויינט און ניט אַרויסגעלאַכט;
ביסט אַרוים פון מיר,
ווי די זון פון שייד פון הימלטראַכט.

ביסט אַרוים פון מיר אין אַ בשׂמים-דופט, ווער איך קליין
און דו ווערסט העכער,
ווערסט אַ פינקלרויך
און לייזסט זיך אויף אין קרייז פון הימלפעכער.

כ׳בין רו איצטער און מײַן וויע פאַרקלעבט האָט אַ טרוים,
ליד, דו ביסט ניט מײַנס מער,
נאָר אַלעמענס, ווי די לופט איז אינעם רוים.

כ׳האָב דיך אַרויסגעהויכט דורך דײַן חסד, דײַן גענאָד
און שותפים זײַנען מיר דריי:
איך, דו — און גאָט.

צום אפנויג

דער אָפּנויג פון טאָג,
פון שקיעה באַפאַרבט,
פאַרגייט אין שוואַרצאַפּל,
רייסט אויף און שטאַרבט.

איך זיץ אויפן זאָטל
און רייט אויפן ווינט,
די גריוווע צעלאָזן,
שוואַרצנאַכטיק פאַרשפּינט.

איך טראָג אין מיין אויג
פון בורשטין אַ זון,
ברי אוים אין שטאָק-פינצטער
דעם זוים פון באַגין.

ווען ס׳דרימלט נאָך נאַכט
אין דער רונדיקער שטייג,
הענג איך שוין אויף דער זון,
ווי אַ טוי אויף אַ צווייג.

ביי מײַן טויער

כ׳שטיי מיט אויפגעבלאָזענעם טרויער,
אַזוי צעפּלאָשעט, אַזוי פאַרוויסט!
אָפּגעפליקט, ווי דער בוים אין הערבסט,
און אויף די חורבות ביי מײַן טויער
זוך איך אַן אָנדענק אויפן מיסט.

אויף אַ צעשאַרפּעט שטיקל מויער
הענגט דער זייגער, ווי אַן אָפּן לייב.
כ׳שטיי, אַ שאָטן אין נאַכט פאַרלוירן,
און די ליידיקייט פייפט אין אויער,
ס׳דאַכט, עמעץ שעפּטשעט: „בלייב שוין דאָ, בלייב!“

מײַן בליק אין חורבה אויף דעם לויער,
כ׳בין ווי צוגעוואַקסן דאָ צום אָרט.
און געמיט מײַן אויפגעפלאָסן,
קוק איך שטאַר אין ווייט דער גרויער,
ציטערט אַ זיפץ ווי אַן אַקאָרד.

איך האָב מיך פאַרטראַכט

איך האָב מיך אויף זיך איצט פאַרטראַכט,
איך האָב נאָך מיין איך ניט דערקענט. —
אַז כ׳בין טויבער אָפּהילך אָן קלאַנג,
דאָס איז שוין מיין אַלטער פערמענט.

איך קרייזל אַראָפּ אין מיין טיף
און נידער צו אָפּענע גרוימען,
איך זוך דעם באַגריף פון מיין זיין,
נאָר קאָן ניט דעם חושך אויסרוימען.

איך האָב מיך אויף זיך איצט פאַרטראַכט,
איינגעדרייט אין זיך ווי אַ ראָד,
און כ׳ווייס ניט, צו כ׳בין גילגול פון צייט,
צי גאָר טרייב-קראַפט, צי עפּעס אַ סוד?

***

פון וואַן און נאָך וואָס בין איך פאָרט?
איך בין ניט קיין זעמדל אין אויג...
כ׳בין עקר — און דאָך פולער תוך!
און אפשר פון ים גאָר דער לויג?...

כ׳האָב איצט אַ געגויעם פאַרלאַנג,
הימלדיק שטיל ווי דער סטעפּ,

אויסטריפן פון זיך, פון מיין גוף
און שטאפלען איבער רואיקע טרעפ.

ארויסוואקליען זיך אויף א שליאך,
אין געוועבן פון רו זיין פארשוועלט,
ווי א פלאנץ פון א קערנדלס טראכט,
ארויס — פון מיין איך, וואס מיך קוועלט.

צום אפּנויג

דער אָפּנויג פון טאָג,
פון שקיעה באַפאַרבט,
פאַרגייט אין שוואַרצאַפּל,
רייסט אויף און שטאַרבט.

איך זיץ אויפן זאָטל
און רייט אויפן ווינט,
די גריוועס צעלאָזן,
שוואַרצנאַכטיק פאַרשפּינט.

איך טראָג אין מיין אויג
פון בורשטין אַ זון,
ברי אוים אין שטאָק-פינצטער
דעם זוים פון באַגין.

ווען ס'דרימלט נאָך נאַכט
אין דער רונדיקער שטייג,
הענג איך שוין אויף דער זון,
ווי אַ טוי אויף אַ צווייג.

אויסטריפּן פון זיך, פון מיין גוף
און שטאַפּלען איבער רואיקע טרעפּ.

אַרויסוואַקליען זיך אויף אַ שליאַך,
אין געוועבן פון רו זיין פאַרשוועלט,
ווי אַ פלאַנץ פון אַ קערנדלס טראַכט,
אַרויס — פון מיין איך, וואָס מיך קוועלט.

אויפן שוועל

שמעקענדיקער טוי
פון אויסגערונענע נעכטנס
הענגט איבער מיין געמיט,
ווי די מיי־גלעקלעך
אין מיין בלומען־גאָרטן.
אַ רויזן־טרוים דעקט מיך צו, —
נאָר די רויז איז שוין לאַנג נישטאָ.
אין דער וועלט ליגט מיין האַרץ,
קלאַפּט ווי אַ זייגער
און מעקט די צייט.
כ׳ליג אויפן שוועל
און ס׳רוישט אין מיר אַריין דער וועלטן־ריז.
איך קוק אין הימל־צענטער.
אַליין וואָס בין איך דען?
אָט דערקאָן איך מיך:
אַ שטויב אין אַ זונען־זייל...

אַ פּיאַלעטעגער פיש

איצט, די מינוט, אין אַ שטומען ציש,
האָט געקוואָלן אין מיינע הענט אַ פּיאַלעטענער פיש.
מיט אַ דימענטענעם העל,
ווי אַ שפּילנדיקע קרעל,
ווי ס׳וואַסער-געוואַנט אונטער זוניקן שפּינען,
מיט שופּן ווי גאָלדענע בינען.
ווער קאָן דען אָפּמאָלן דעם חן
נאָמענלאָזע קאָלירן,
פאַרבן, וואָס כישופן און פאַרפירן,
עס האָט דאָס אויג דערקוויקט
און רעגנבויגנדיק פאַרבליבן אין בליק.
וואָס פאַר אַ ראַסע, וואָס פאַר אַ שטאַם,
וואָס פאַר אַ פאַטאַמאָרגאַנישער פלאַם —
עפּעס אַ גילגול פון אַ פּרינץ מן הסתם
מיט אַ בראָקאַטענער פעלערין.
איך האָב נאָך ניט געזען פון דעם מין.
ס׳זאָל אים זיין גוט און ווייך,
האָב איך אים געלייגט אין טייך.
נאָר מיין אָרעמער זכרון איז געוואָרן אָפּגענומען
און פאַרגעסן, אַז מיין פיש קאָן אָפּשווימען.
אַ פּאַטש מיטן עק,
איז ער אַוועק.

אויף אַ זילבערנער וואַסער־זייל,
ווי אַ פינקלדיקער שטראָם, ווי אַ פייל.
לאָזט זיך טיף, טויכט אויף אין אַ בלינץ —
און כ׳פאַרליר מיין פרינץ!
זע איך, ווי ס׳וואַסער מאַכט פאַר אים אַ וואַרע
און כ׳קוק אין זיין קעניגרייך מיט אויגן שטאַרע. —
פלוצלונג, ס׳הוידעט דער פיש זיך אין אַ מעכטיקן הוש
און פאַלט אויף מיין העפט, לייכט ווי אַ קוש,
צעשיטן זיך ווערטער פון מיינע ניכטערע ליפן,
ווי גאָלדענע שופּן,
פונקט ווי אין חלום. אַזוי אויף דער וואַך,
באַטראַכט איך מיין פיש און איך לאַך...

אליינזיינקייט

ביי מיר
עפנט זעלטן ווער די טיר.
כ׳זיץ און הער די שטילקייט,
ווי זי זשומעט ווי די גרילן,
און קאָן די שטילקייט מער ניט שטילן.

ביי מיר
עפנט זעלטן ווער די טיר.
זיץ איך מיט מיין אויסגעצערטן ווילן,
אַ מענטש זאָל קומען,
עס זאָל די שטילקייט אויפהערן צו שפּילן.

עס גייט דער זייגער, ווי אַ נע־ונד,
אַז איינגעשפּאַרטער;
גייט און גייט
און עפּעס אַזוי קלאַפּט ער,
ווי ער וואָלט מיט עמעצן געשטרייט.

ביי מיר
עפנט זעלטן ווער די טיר.
לויף איך הין און צוריק און צייל די שפּאַן

און יאָג מיך מיטן ווידערקול.
כ׳דריי דאָס וואַסער אויף פון קראַן,
איך ווייס ניט, וואָס איך וויל
און טראַכט נאָך צו אַ ווילדע שפּיל.

יאָ, אמת ווי איך לעב,
דאָס וואַסער רינט שוין אויפן דיל
און פאַנגט מיך שוין אין נעץ...
איך פיר אַ שפּיל פאַר מיר אַליין,
איך בין פאַר מיר אַליין אַ לץ.

ביי מיר
עפנט זעלטן ווער די טיר.
לאַשטשעט, לעקט מיך אַ געדאַנק,
ווי אַן איינגעשפּאַרטער הונט,
אַז עמעץ וועט נאָך קומען היינט.
און ר׳איז גערעכט,
מען קלאַפּט אין טיר.
גיב איך זיך צו איר אַ שפּאַר,
אַ, עס מוז גאָר זיין אַ ווינט,
וואָס האָט ניט איין מאָל מיך גענאַרט.

ווייל ביי מיר
עפנט זעלטן ווער די טיר, —
נאָר איצט, אַן אומגעריכטער מענטש,
אַ מענטש אַן עלטערער צו מיר.
ווי פאַר אַ גאַסט אַ זעלטענעם
כ׳פּראַל אים אויף די טיר.
ווער זענט איר?

פרעג איך אים מיט שטוין.
צום ערשטן מאָל געזען,
איז אומבאַקאַנט מיר דער פּאַרשוין.

ביי מיר
עפּנט זעלטן ווער די טיר.
נאָר ער, ווי אַן אַלטער פריינט,
זעצט זיך גלייך צום טיש
און בויגט זיך צו מיר איין,
וויל געבן מיר אַ קוש.
אַוודאי שפּרינג איך אויף,
איך בין אַן אשת-איש!

דאָס איז דאָך נאָר געשפּילט,
גלויבט ער ווייל דער גאַסט —
אָבער ווער, ווער זענט איר דאָס פּאַר איינער,
טראָגט איר פריינטשאַפט אַ געשאַנק?
— איך, איך בין קיינער,
איך בין דיין באַפעלקערטער געדאַנק...

ביי מיר
עפּנט זעלטן ווער די טיר.
און אפשר זיינען דאָס דמיון-געוועבן,
נישט אמת אויף אַ האָר?
יאָ, ווייל אינעם פאַרשטעל לוינט צו לעבן
מער ווי אויף דער וואָר.

ווי גוט...

ווי גוט איז מיר איצט,
אויף דער שוים פון ליידיקייט
מיין אויסגעהוילטן קאָפּ צו לייגן
און אויסטעהנען מיט זיך.
אָ, זאָל קיינער איצט
ניט אָנקלאַפּן אין טיר,
איך האָב ליב צו זיין אַליין מיט מיר.
אַראָפּנידערן אין אַלע לאַבירינטן
און פאַרשווינדן
אין מינוטנדיקער אייביקייט
און צוריק אויפשטייגן
און שמייכלען צו אומבאַקאַנטער פרייד...
זאָל קיינער איצט ניט אָנקלאַפּן אין טיר,
איך האָב ליב צו זיין אַליין מיט מיר,
מיט נשמהדיקן שעפּט;
מיט זיך אַליין פאַרברענגען אין דער שטיל
און אָפּמעסטן אין פערזן מיין געפיל.

איך בין א קינד

מײַן קאָפּ איז ווי די שקיעה פון איבערגעבערענטע ווײַטן,
מײַן האַרץ איז אַ בוך אַ קלײַן.
מײַן מויל איז אַ בעכער אַש פון דורות און צײַטן, —
נאָר אַ קינד בין איך נאָך אַלײן.

אַלײן בין איך אַ קינד — נאָר איבערגעוואַקסן,
כ׳שפּין די געוועבן פון וואָר.
מײַן גוף דער צענטער פון אַלע וווּנדיקע אַקסן,
נאָר מען זעט דאָס אויף מיר נישט אַ האָר.

כ׳בין אַן אַנטיקוואַר פון אויסגעשלאָגענע וועלטן,
פון שטײַן כ׳שלאָג אַרויס זײַן סוד.
איך לערן פון וואָרעם, אין די טיפן צו צעלטן
און מעסטן דאַן די הויכן צו גאָט.

לאָמיך אַ זינג טון

לאָמיך אַ זינג טון פון איינפאַכע זאַכן,
פון פאַרקרימטע שמייכלען אויף ליפּן,
פון בלעטער געפאַלענע, ווייכע
און פון שטיינער געקנאָטן פון טרערן.

לאָמיך אַ זינג טון פון מענטשן,
וואָס שווייגן אַריין אין די פּויסטן
דעם צער פון פאַרקלעמטע שעהען,
און יאָגן פון זיך יעדע טרייסט.

לאָמיך אַ זינג טון פון מענטשן פאַרהאָרעוועטע,
וואָס קושן דעם שטיין פון פּרנסה
און טראָגן אים לייכט ווי אַ גלעט,
ווי אויפן ברוסט אַ קמיע.

און פון מענטשן, וואָס לאָקן נאָך לעבן
אין אויפגעבונדענע וועלטן:
נאָך ברויט און ליכט אין שטוב
און דאָס זאַלץ פון דער פרייהייט צו בענטשן!

צו דער הונדערטסטער יאָרצייט
פון פרידריך שאָפּען

קלאַנגען פֿאַלן דאָ צעשייט,
קלאַנגען איבער בערג צעגליט,
לויפן קלעטערן אויף מויער,
שטעלן צו אַ באַרג פון טרויער.

איבער בלאָען הימל-פּליין
ציען אין דעם זונען-שיין —
איבער ערד און טיפע ספערן,
איבער וואָלקנס ביז די שטערן.

שפּרינגען שטערן ווי גאַזעלן,
פינקלען איבער הימל-שוועלן,
ביז פאַרבאָרגנסטע פּלאַנעטן,
טריפט געזאַנג און טענער גלעטן.

בליציק פינגער נאָטן מישן,
וועקן גייסטער פון קלאַווישן,
וועקן הונדערט יאָר פון הויער,
שאָפּענס שאָטן און זיין „טרויער“.

אין די בערג פון זשירא

18—9—49

?...

העלפֿט מיר, מענטשן, געוואַלד, מענטשן, העלפֿט מיר!
איך בין ווי אַ לונאַטיקער געפֿאַלן
פֿון דראַפּען זיך אויף הימל־האָריזאָנט.
איך האָב געוואָלט דערקייקלען זיך צום ראַנד.
העלפֿט מיר, מענטשן, געוואַלד, מענטשן, העלפֿט מיר!
איך בין אַראָפּגעפֿאַלן
פֿון אַלע הייכן
אין אַ פֿראַגע־צייכן
און ליג ווי אַ קריפּל.
און וועל אַזוי ליגן ביז ענד,
ביז ענדע וועלט.
העלפֿט מיר זיך אויסגלייכן,
העלפֿט מיר אויפֿקניפּן דעם פּלאָנטער פֿון מיין איך,
העלפֿט מיר אויפֿלייזן דעם סוד פֿון מיין זיין,
אַז ניט, וועל איך מיך צערייסן אויף טויזנט שטיקער
און דערגיין דעם גרונט,
און דערגיין דעם עיקר.
איך וועל מיך צעגליצערן אויף אַן אומזעבאַרן שטויב
און צוריק מיך מאַכן גאַנץ,
און וועל זיין
איבער פֿלייש און געביין!
העלפֿט מיר, מענטשן, געוואַלד, מענטשן, העלפֿט מיר,
איך בין אַראָפּגעפֿאַלן
פֿון אַלע הייכן
אין אַ ?...

צו דער זון

זון, אַלמעכטיקער רעפלעקטאָר פון דער וועלט,
קעניגין פון העכסטן רעזידענץ!
לאָז דיך אַראָפּ פון דיין געצעלט,
וואַרף מיר צו דיינע בלענדיקע קרענץ. —
הער מיך אויס — גליווערנדיקער אָטעם פון קעלט.

איך קאָן אין דיין פלאַמען־פּנים ניט קוקן,
ווי אַ קנויל נאַכט אַנטלויפט פון דער שיין.
מיט אייביקע גרויקייטן צוקן
די ווענט פון מיין קעלער אין חושך, אין פּיין,
יאָרן איך האָב דאָרט ניט געפונען קיין תיקון.

איך האָב געוואַרט, אפשר וועסט זיך דערמאָנען
און צוואַרפן אַ שפּליטער שיין
אין מיין קבר פון דריי שפּאַנען,
וווּ לעבנספרייד איז קיינמאָל ניט אַריין! —
וווּ טויט איז מיט זיין שאַרף געשטאַנען.

זון אַלמעכטיקע! כ׳וויל זאָלסט מיך אויסהערן.
הער אויס מיין געבעט — פאַלנדיקע טראָפּנס פּיין.
מיט דיין הויך טריקן אויס דעם בעכער פון טרערן,
אין מיין לעבנס־קבר דרינג אַריין,
לאָז דעם טויט דאָרט ניט געווערן!!!

כ'בין אומרו

כ'טראָג אין מיר אַ האַרץ אַרום,
זיין אומרו, אַ געוועהק אַ שטום,
דרייט מיך, ווי דער ווינט אַ מיל,
וואָס שפּאַרט זיך אייביק נאָך אַ ציל.
און פּלענער האָב איך גאָר אַ סך, —
כ'טרעט אין קאָפּ מיר אוים אַ שליאַך
און מיין פאַרלאַנג טראָגט אויבן אָן,
אַ ציטערדיקער קאַמערטאָן.
איך לויף און פאַל — און וואָלט אין פלי
אַראָפּגעצויגן שטערן־גלי.
קומט אַ גליק — אַן אַטאָם־שפּליטער,
פאַלט אַ פּיין אויף מיינע ציטער...
וואָס קומט אַרוים פון אָט דער שפּיל? —
כ'בין ווי דער ווינט אַרום אַ מיל,
כ'טראָג אַריבער נאָר די לופט,
פון ווילדן פיבער, וואָס מיך רופט,
צו זיין אויף איין מאָל דאָרט און דאָ, —
און אָן אַ רו און אָן אַ שעה!

פרייד

ווי אַן אויפֿרייס האָט אויפֿגעקלונגען דער טאָג פֿון גרוי,
שטייגט זילבער־קאַיאָר מיט גאָלד־באַשלעג פֿון מיין ליד,
פֿאַלן פֿון מיינע אויגן טרערן הייסע,
ווי די פֿונקען פֿון טוי דעם ווייסן.
איך גיי מיט געהאַמעוועטער פרייד.
כ׳קאָן ניט דעריאָגן אָפֿילו פֿון האַרץ־קלאַפּ.
ס׳ווילט זיך פֿליען,
ס׳ווילט זיך שוועבן,
ווייל פֿרייד איז אומרו,
ווייל פרייד איז איבער לעבן.
פרייד איז העכסטער באַרג,
איז די ספערע דאָרט צו שטאַרק,
קלאַפּט מיין ווילן פֿולם אַריבער,
פֿון הענט ווערט אייז,
פֿון מוח פיבער,
איך ריזל אַריין אינעם טאָג־געשפּאַן
און ווער אַ כוואַליע אין פרייד־אָקעאַן.

אומעט

אָ, גרויזאַמער אומעט,
וועלפישע ציין!
פאַרצוק מיך אויף איין מאָל
און זאָל זיין אוים;
זאָל זיין אוים
מיט מיין זיין!
און מיט אייך, הימלען, דריקנדיקע ווייטן,
און מיט דיר, זון,
פאַרשווענדעריש-אויסגעלאַסענע,
און מיט דיר, ערד, סקעלעטן-פרעסער,
און מיט דיר, וועלט געגעדיקע,
גרויסער פאַרפלאָנטערטער סוד;
סוד פון לעבן,
סוד פון טויט,
און אַלץ מיטאַנאַנדער!
איין טרער וועט אייך אַלעמען צעשפּאַרן,
ווייל כ'גיי אַרוים פון זיך
און ס'וועט זיין!...

פלוצלונג.
כ'נידער אַראָפּ צו מיין האַרץ אויף די קניען,
און ווער אַזוי קליין און נישטיק ווי אַ שקלאַף.

כ'האָב אויפגעהערט צו שטרייטן
און בעט מיך איבער מיט זיך און מיט וועלט.
שטייט מיין האַרץ, ווי אַ פֿעלדז צווישן טרערן־טייכן,
און איך צעריים דעם אומעט,
ווי אַ גיבור קייטן.

מיין סוד

כ'האָב אַ סוד אין מיר באַהאַלטן,
ווי די ערד דעם קערן.
פרילינגדיק און זינגענדיק,
כ'וועל שוין אַלט ניט ווערן.

לעבן וועל איך אָן אַן ענד,
אָן אויפהער זיך באַנייען,
ווי אַ דעמבע אינעם ווינט,
אַזוי וועל איך געדייען!

ס'זיינען מיינע באַקן רויט,
ווי אויסגעברײטע פרוכט. —
כ'שפּאַלט אַדורך דעם סוד פון זיין,
ווי דאָס קערנדל די צוכט.

לויטער איך מיך אין אין־סוף,
ווערט די וועלט מיר קליין, —
ווער איך נאָר איין טראָפּן פרייד —
כ'דאַרף אַ וועלט אַליין! —

עס פאלן מיינע הענט

עס פאַלן מיינע הענט איבער מיין געמיט,
ווי אונטערגעשאָסענע פייגל
און אין איין מינוט
זיינען אַלע נעסטן פון מיין נשמה צעשטערט
און טרערן רייסן זיך,
ווי בלוט פון אַן אָפענעם אָדער.
אָ, טרויער!
קלאַפּ ניט אַזוי מיט דיינע אייזערנע פינגער
אויף די צאַרטע סטרונעס פון מיין האַרץ. —
אָדער אויף איין מאָל צעריים עס,
און זאָל אָפּהילכן זיין לעצטער אַקאָרד.
כ'קאָן ניט אויפנעמען די גרילצנדיקע נאָטן,
וואָס פאַלן אויף מיין נאַקעטן שאַרבן,
ווי עלעקטרישער שטראָם!
אַ זיפץ דעקט מיך צו, ווי אַ לאַווע,
און כ'ראַנגל מיך ווי אַ טרינקענדיקער פלאַנץ,
נאָר ס'פאַלן צוריק מיינע הענט איבער מיין געמיט. —
נאָך קיינמאָל, נאָך קיינמאָל,
האָט פרייד צו מיר ניט געשטראָמט, אַ פולם ווי דאָס אויג.
ווען אַ מאָל איין טראָפּן זי גיסט אין בלוט
מיט איר קאַרגן מעסטער,
פאַלט אַ גאַליקער טראָפּן מיט.
אָ, זאָל איין מאָל כאָטש אין מינוטן פון צער,
דער גאָלדענער שמעטערלינג פון פרייד מיך באַרירן!

כאַטש אײן פּראָך אויף מיר וואַרפן!
צער דרענגט צו מיר
מיט ביטערניש
פון סאַמע וואָרצל,
כ׳ווער דערטרונקען שיער,
אַזוי באַטויבט,
כ׳וויל איצט אין מיר אַראָפּגיין
איבער אַלע הויקערדיקע וועגן,
ווייט פון מענטשן זיין,
ווייט!
טרויער הענגט איבער מיין געזיכט,
ווי אַ שוואַרץ טוך ביי אַן אבל איבער אַ שפּיגל.
ס׳ווערט שטיל;
ס׳איז שטיל אַרום מיר
און ס׳איז שטיל אין מיר.
צער איז אַרויסגערונען און אַראָפּגערונען.
פאַרקנוילט ציטערט נאָר מיין האַרץ,
ווי איבערגעריסענע סטרונעס פון אַ האַרפע.
ס׳איז שטיל אין מיר!
און ס׳ליגן שווער די הענט איבער מיין געמיט.
אין דער גלייכגילטיקייט איז מיר גוט;
אָ, ווי גוט איז מיר!
אומבאַוועגלעך אין טעמפּער גלייוורונג
אָפּזיצן אַזוי אַ גאַנצן מעת-לעת
און קוקן אין מיין שטאַרער גלייכגילט,
ווי אַ קברן אויף אַ מת.
אַזאַ שטילקייט פאַלט איבער מיר,
ווי די הענט איבער מיין געמיט.

שטויב פון דיין וויכטיקייט
דיר אַ פֿאַרברודערטע.

מעסיק מיין פריידיקייט,
מיך איבערפּלאָסענע!
נעם אין שוים ווייכיקייט,
— עלנט צעגאָסענע...

ליבע - לידער

איך האָב ליב

איך האָב ליב דעם גאָלד דעם צעשטויבטן
פון איבערגעברענטע באַגערן,
דעם צעשפּליטערטן שמייכל פון טאָג,
וואָס צעפאַלט אין אַ כליפּען אַ שווערן.
פון צונויפגעקלימפּערטן צער
געפינען דעם אָפּהילך פון קלאַנגען
און די שפּורן פון יעדן געלעכטער,
ווי פייגעלעך בונטע צו פאַנגען.
איך האָב ליב דעם ווייטאָג פון דער וועלט,
דעם ביטערן טראָפּן צו שלינגען,
איך האָב ליב, איך האָב ליב,
איך האָב ליב פון אַלעם צו זינגען!

פון ערשטן קינדערישן שמייכל,
וואָס פאַלט ווי אויף אַ בלאַט דער טוי,
דעם זיפץ פון אַ מענטשלעכער חורבה,
וואָס צעשפּאַרט אין די הויכן דעם בלוי.

איך האָב ליב תענוגים געהייליקטע
פון צעוואָרפענעם שימער איבער וועלט,
די שענסטע און העכסטע פרוכט
און אַ שטערן אין ערדישן געצעלט.

כ׳האָב ליב דעם העכסטן לוקס —
און פֿאַרשעם ניט דעם לעצטן וואולגאַר.
כ׳האָב ליב דעם געפֿאַלענעם אויפֿן ברוק
און דעם קעניגלעכן נאַר.

איך האָב ליב די פֿאַרבאָרגענע גוטסקייט,
וואָס דרימלט אין אויסוואורף פֿאַרזונקען,
און קאָן מיט צעעפֿנטע שלוזן פֿון ליבע
די גאַנצע וועלט אַנטרינקען.
איך האָב ליב אַ וואָרעם אַ פֿאַרוואָרפֿענעם אין הייל
און האָב רחמנות אויף אַ שטיין, וואָס קאָן ניט וויינען,
איך האָב ליב אַ געשריי אַ פֿאַרשטומטן,
וואָס קאָן צעשמעלצן שטיינער.
איך האָב ליב ווערטער פֿון קעל אויסגעשפּאַנטע,
וואָס קאָנען אויפֿרייסן גראַניטענע בריקן,
איך האָב ליב אַלץ אויף דער וועלט — אויסער מיך!
און וויל מיט ניט געזאָגטן וואָרט מיך דערשטיקן.

ווי ס'וואלט איצט געווען

צום פענצטער־שויב איך בין ווי צוגעהעפט,
און איך ווארט אין פיבער, כ'ווארט אלע באנגען אפ,
איך בלייב מיט אראפגעלאזטע הענט ווי געפלעפט,
דו שטייגסט ניט אויס, און צוריק גייען אלע אפ.
איך שפאר אונטער מיין קאפ מיטביידע הענט,
געדאנקען פרעסן אים ווי הונגעריקע וועלף,
און באלד אזוי, ווי פארמאטערטע מידע שאף,
פאלן מיינע שווערע הענט אויף צוריק אראפ.
די נאכט איז אן א מאס און אן א צאל טיף,
נאר די וועגן, וואס צו דיר פירן, זיינען העל.
פלוצלינג גייט דיין געשטאלט ווי א לבנה אויף,
פאר פרייד ברעכן זיך די קני און כ'פאל אויף מיין שוועל.
נעבן דיר איך ווער צוריק אויפגעפרישט,
יא, ווי א כוואליע אין דעם פריסטן באגינען.
מיט די פלאמען, וואס צינדן די שעה פון דיין קומען,
גיי איך דיר אנטקעגן באלייכטן דיין גלייכגילט.
געפילן שלאגן זיך אין געפעכטן
און איך ווייס איינס און זע קלאר, אז פון צייט איך האב דיך ליב,
האב איך פארנאכלעסיקט אלע מיינע פליכטן,
ס'איז אומארדענונג ביי מיר אין קאפ ווי אין שטוב.
דיינע זארגן זיינען דערנער אין מיין לייב,
איך ווייס, אז מען ליבט ניט נאר דעם, וואס האט דעם ווערט,

דעם טייוול דאַכט, אַז ער רייסט די שענסטע בלום אויס
און פאַרבלאָנדזשעט מיט זיין היליקטום אַזוי אָפט...
איצט איז אַלץ שוין ווייט — און דאָך אַזוי נאָנט!
איך לעב, ווייל דאָס לעבן איז אפשר אַ פליכט.
ס'איז פאַרקראַטעט מיין האַרץ מיט אַן אייזערנעם פרענט —
און האָב מיך פיינט, ווי די קנייטשן אויף מיין געזיכט.

דאס שטומע געבעט

דו ביסט ניטאָ,
דו קומסט ניט מער,
דאָך היט איך דיינע ווערטער,
ווי דופטנדיקע בלימלעך
אין אַ געצערטלטן גאָרטן.
דו ביסט ניטאָ!
און איך פיל דיך אַזוי נאָנט, אַזוי נאָנט!
דיינע פינגער ברענען מיך נאָך,
ווי פון אַזאַ ווייט
צעגליטע זונען־שטראַלן
די אָרעמס פון דער נאַקעטער ערד. —
פאַרשטיי כאָטש דעם ווערט!
אַלץ, וואָס כ׳האָב געהאַט דיר צו זאָגן,
האָב איך אין זילבן פאַרזייט
און פאַרצייכנט אויפן ערשטן בלאַט פון מיין לעבן.
איך זינג אין דער וואָך,
איך זינג ביי טאָג
און אויך ביי נאַכט.
געדאַנקען זיינען מיך באַפאַלן, ווי רויבער,
און קלאַפּן, ווי האַמערס איבער מיין קאָפּ.
איך בין שוין מיד, טראַכטנדיק פון דיר,
נאָך מער, נאָך מער...

יעדער קלאַפּ אין טיר,
אַ צאַפּל אין האַרץ.
ווי אַן אָפּקלאַנג פון עכאָ. —
שאַ, ווער שטעלט אָפּ מיין אָטעם
און דערטראָגט דיינע טריט,
צום קלאַפּנדיקן טאַקט,
מיטן שטראָם פון מיין בלוט? —
איך עפן ס׳מויל, ווי אַ הייליקע,
וואָס איז אַליין פאַרשאָלטן
און טראָגט די קללה
אויף אירע ליפּן דיר אַנטקעגן:
„שטאַרב!“

דיין סיגארעט

דו האָסט אָפּגעקלאַפּט דיין סיגאַרעט פון אַש
און דאָס האָט האָט מיך איינפאַך אַזוי אַנטציקט!
עס האָט אַ שימער פון דיין שמייכל מיך באַשטויבט
און כ׳וועדג מיך, מיר דאַכט, כ׳ווער דערשטיקט.

כ׳האָב אויסגעלאַכט צוערשט מיין שטיפעריי,
נאָר ס׳האָט אַ קנאָספּ אין מיין ווינטער אויפגעבליט.
מיט טויזנט אויגן כ׳קוק אין מיר און שטוין,
ווי ביסט אַריינגעוואַקסן — אַ בלום אין מיין געמיט.

האָסטו מיטלייד אויפן שפּראָץ פון מיין געפיל?
כ׳וואָלט דיר זאָגן אַזוי פיל נאָך געקענט!
ניין און ניינציק מאָל מער קלאַפּט מיין האַרץ
אַ ווי לייכט — ווי אַ בענטשונג דיינע הענט...

קוק, ווי ס׳וואָגלט איצט מיין נשמה אַרום
אויפן אויפגעשטורעמטן ים פון יעדער שעה.
אין מיין חלום ווערסט מגלגל אין אַ טויב, —
נאָר די וואָר פאַרפאָלגט מיך ווי אַ קראָ.

טויבן

איך בין אַנטציקט פון מיר היינט און פון מײַנע לידער.
כ׳בין אַ ליכט־זייל אין באַגין
און צעבלאָז דעם זילבער־פּראָך פון מיין פרייד־געשפּין.
מיין נשמה אַ ניט זעבאַרע זאַנג איז פול,
פּאַלט אַ שפּריי פון טראָפּנס געגאָד אויף איר,
פון דעם פלאַטער, וואָס האָט אַדורכגעשטילט אין מיר.
ווער איך שטילקייט — אַ קלאַפּ פון אַ וויע.
איך בין אַנטציקט פון מיר היינט און פון מיינע לידער,
איך בין העכער — און בין אַריבער מיינע לידער
און אומרואיק פון מיין רואיקייט
און פון טויבן צוויי, וואָס שוועבן פּאַר מיין אויג־אַפּל,
און פון אַ באַגער, וואָס באַוועגט זיך אין מיר — אַ קינדער־צאַפּל...
איין טויב איינקאַליריק, ס׳איז אפשר גאָר איך?
אַ ווייסע, אַ ריינע, טראָגט דעם טאָג אויף זיך.
די צווייטע קאָלירפול,
טראָגט מיך אין פלי,
צעלייגט זיך אין אויג אַ צעבליאַסקעטער גלי.
עס הוליעט אַרויף און אַראָפּ מיין געמיט
אין זיגזאַגישן שפּרונג,
ווער איך יונג, ווער איך פילפאַכיק יונג!
עס גלוסט זיך מיר זאַכן עקסטראַוואַגאַנטע...
און כ׳וואָלט איצט מיט לוסט אויף אַ בוים גאָר געשטאַפּלט.

עס וואַרפט זיך אין מיר אַ פאַרלאַנג און ער צאַפּלט,
די סיבה פון פרייד זאָל אין מיר אויפטויכן
צום פאַרמעסט מיט די פייגל אין לויטערע הויכן,
נאָר צוויי טויבן פאַרפאָלגן מיך
אין מיין אומרואיקער רו...

דו שפאנסט

זוי כ׳וואָלט דיך באהאלטן אין גאלאָפּ פון די טעג:
דיין געשטאלט, און דיין שפּאַן, און דיין יעדן באוועג.

איך זע אַלץ נאָר דיך אינעם טומל-געזשום,
כ׳בין אַ ליידיקער האָל, ווו דו דרייסט זיך אַרום.

דו באוועגסט ווי אַ הוידע זיך איבער מיין בליק,
און ווייסט ניט — כ׳צערטל דיין הין און צוריק!

צעשפּארסט מיר מיין אויג ביז צו דעם פארבליפן,
און שפּאנסט אין געהיים אין מיינע טיפן.

פארפּלייצסט שוין מיין מוח ביז איבער די ראנדן
און מיך וואקסן אריבער די ווידעראנאנדן!

דו דריקסט שוין ווי לאַווע אויף מיין פארשטאנד
און שטויסט מיר מיין הארץ אויף דער פלאך פון מיין האנט...

ווערסט דער קלאַפּ פון מיין פּולס, דער שטראָם פון מיין בלוט,
מיין אָטעם מיין הייסער, מיין קלאנג און מיין גלוט.

אַלץ, וואָס אין מיר, וואָס מיך רינגלט אַרום,
ביסט אין ערגעץ ניטאָ — און ביסט דאָך אומעטום!...

כ'לויף אין דיין שאָטן, וואָס פאָלגט אויף מיין וועג,
ווערסט פון מיין חלום — מיין וואַך אין די טעג.

איך טראָג דיך אין מיר, ווי דער פרילינג זיין צווייט,
און וועב דיך אַריין אינעם פערז פון מיין ליד.

דו און איך

פלעכט פון דיינע פּאַלמען־אָרעמס
אַ שיפל אָדער נעסטעלע...
וועל איך דאָרט מיין לעבן לייגן,
ווי אַ פידל אין אַ קעסטעלע.

האַלדזן וועל איך דיר דיין לעבן,
טייער ווי דער טאָג־געשאַנק.
איך פאַר דיר און דו פאַר מיר —
זיין דער זאַפט פון מאַרך־געדאַנק.

דו ביסט ניט געקומען

מיין האַרץ קלאַפּט היינט מיט טויזנט באַגערן
צום ווייט פון דיין אויער, דו זאָלסט עס דערהערן,
נאָר דו ביסט פאַרנומען.
עס פאַלט ווי אַ פלאַטער אַ שעה נאָך אַ שעה
צום אָפּנויג פון טאָג און דו ביסט ניטאָ,
דו קאָנסט היינט ניט קומען.

אויף וואָס און וועמען דיך איצטער פאַרבייטן?
ווו פאַרבט איצט דיין דופט און אין וועלכענע קווייטן,
ווו לעבט איצט דיין אָטעם?
מיך ציט צו דיינע אָרעמס — וואַסער־פאַל,
מיך ציט צו דיין אויג, ווי אַ פויגל צום שטראַל
אין זעפיר צעשאָטן.

איך ליג אין די נעכטנס אויף דיינע הענט,
פון נעכטנס, וואָס זיינען שוין לאַנג פאַרברענט
אין פלאַמען פון טעג.
מיין האַרץ פאַרקלינגט אַ יעדן זייגער,
שטייסט אין פעלד פון מיין לעבן, אַ צייגער,
וואָס פירט אויף דיין וועג.

דיין קאָפּ מעקט מיך אויס פון יעדן שפּיגל,
דו זיצסט אין מיר ווי אין מויער אַ ציגל,
קוקסט פון אַלע געמאַכן.
דו ביסט דער ריזל פון מיינע בלוט-געפעסן,
— בין איך צעשטרייט ביז מיין קאָפּ צו פאַרגעסן
און דו לאָזסט פון מיר לאַכן!

כ׳וואָלט וועלן דיר איצטער אַזוי פיל זאָגן,
דעם שטראָם פון ווערטער כ׳קאָן ניט דעריאָגן,
נאָר ביסט ניט געקומען.

כ'האָב געוואָרט

כ'בין אַ טאָג פון די טעג, וואָס פאַרענדן —
נאָר איין טאָג איז אַ וואַלד אַן אומענדלעך!
ווען איך וואַרט — און דו קאָנסט ניט קומען,
נאָך קלענער ווער איך ווי געווענטלעך.

כ'האָב געוואָרט אויף דיין וואָרט, ווי אויף זריעה
אַ געצערטלטער גאָרטן, אויף בליטן, —
דו האָסט געזייט מיט אַ ליידיקער האַנט
און איך האָב זיי אין חלום געשניטן...

דריי...

איך האָב צוויי שטאַרקע אָרעמס, —
בין גוט און בין געטריי,
כ'פאַרמאָג דאָס גרעסטע האַרץ
און האָב געליבטע דריי.

כ'וואָלט אַלע וועלן באַגליקן,
מיך אָפּפערן דערביי!
איך האָב אַזוי פיל פליכטן;
ווייל כ'ליב זיי אַלע דריי!

צום אויפקום פון פרימאָרגנס,
אין פלאַטערנדיקע נעכט,
וועב איך מיינע חלומות,
אַ גאָלדענעם געפלעכט.

ווען כ'ווער אַ מאָל פאַרשלונגען
אינעם רעדל פון מיין שפּיל,
פיר איך מיינע חלומות
אַרויף צום העכסטן ציל!

איך האָב צוויי שטאַרקע אָרעמס, —
בין גוט און בין געטריי,
כ'פאַרמאָג דאָס גרעסטע האַרץ
און האָב געליבטע דריי.

געבעט צום טאָג

טאָג, נעם מיין קאָפּ אין דיין ווייכן שוים
און הער מיך אויס.
אין פּולס פון אַ בלום
ליגן סודות פון מיין האַרץ.
זאָל בלום פאַרגיין,
נאָר דופט זאָל בלייבן מיין...
טאָג, הער מיך אויס!
טראָפּנס קלינגענדיקער טוי
איז דער זייגער פון מיין געמיט,
ווו שטילע האָפענונגען קלאַפּן.
כ'פאַל אין דיר — אַ געבעט,
כ'פאַל אַ צעגליטער שטראַל אין דיין צענטער,
פאַרשיט מיינע נעכטנס
מיט מיליאַרדיקן פינקל־שטויב,
זאָלן אָפּפאַלן פון מיר די נעכטנס,
ווי אַ רויזן־צעפּאַל
פון זאַפטן־שטוים
צו פרישע בליטן פון נייע טעג!
טאָג ליכטיקער, עפן מיר אַ וועג:
באַוועג מיך צו פרייד, צו געזאַנג,
מאַך מיך גרעסער פון מיין וועלט,
כ'זאָל אין איר פאַרלוירן ניט גיין,

כ׳זאָל אין איר דער האַר זיין,
כ׳זאָל אין איר ניט צעשווימען,
כ׳זאָל זיין איינס,
כוח!...

זאָרגן

קלימפּערס זאָרגן אויף מיין וועג,
קראַמפּנדיק פאַרקריצטע טעג.

שאַרפע דאָרנס אויסגעזייט
אין געוועבק פון אייביקייט,
פון יעדער שעה דער דאָרן־שפּיז
לעכערט דורך מיך, שוואַכן ריז;
לעכערט דורך מיין צאַרטקייט רויט, —
עס צילט אויף מיר די פייל פון טויט!

איך נעם פון צער דעם האַמער־פּלעט,
און די שלאַנג פון פּיין איך גלעט,
און ווער צעמינערט פראָך־אַטאָם —
דאָך ווידער גאַנץ אַנטקעגן שטראָם!

גרינט מיין לעבן ווידער אויף,
ווי דער פעניקס גיי איך אויף,
אָנגעגלים מיט פרישן זאַפט,
אַ פעלדזנרייסנדיקע קראַפט,
פינקל איך אַריין — אַ סוד —
אין אייביקייט פון גאָטס גענאָד.

אליין...

ווי די זון איבער זאַנג,
דו פאַרבסט אָפּ מיין זיין.
ביסט גלייכצייטיק לופט —
און שטרויכל און שטיין.

ביסט פרוכט פון מיין טיש,
דאָס זאַלץ פון מיין טאָג.
דער ביסן, דאָס ברויט,
און אַלץ, וואָס איך זאָג!

ביסט טיילמאָל אַ ליד
מיט מעלאָדישן קלאַנג;
אַ קיילעכל פרייד,
דער ווייז פון פאַרלאַנג.

פון מיין תוכן דער סוד
פון הימלדיק בלוי,
אין שורות צעשטעלט,
איינפאַך אַזוי.

איך װעל װערט זײַן

איך װעל װערט זײַן אַ שײנעם בוקעט בלומען,
װען ס׳װעט אַ כאַפּ טון מיך דער שװאַרצער מלאך
אין קנויל מיט שרצים אױסגעפּילטן הײל,
אײַנטיפן מיך אין פּיראַײליקן מהלך.

נאָנט זײַנען מיר אַלע טעמים גאַליקע,
װי נאָנט עס איז די צונג מיר צו מײַן גומען. —
נעם אויף דעם שפּראָץ פון אַ באַשײדנקײט־באַגער:
איך װעל װערט זײַן אַ שײנעם בוקעט בלומען!

איך װעל װערט זײַן אַ שײנעם בוקעט בלומען,
כאָטש אַ פרײד־געװנונס שיקט דורכבלענדן מײַן טרויער. —
כ׳גײ מיט גענג, נאָך קײנמאָל נישט דערגאַנגענע,
צום זיכערסטן פּאַרוים, צום לעצטן טויער.

װי װאַרעם גוט איז עס צו בעטן צו אַ גאָט,
דעם אַפּפאָך פון די ליאַרמען הילכיקע, און שטומען.
נאָר װען ס׳װעט אײביק גלײַכגילט מיך אײַנאָרמען,
װעל איך װערט זײַן אַ שײנעם בוקעט בלומען.

איך װעל װערט זײַן אַ שײנעם בוקעט בלומען,
בין איך פאַקטיש אָן אַ תוכן — אויסגעהוילטער בוים?

ס'לאָקט אַ מאָל און ציט אַרויף מיך צו אַ תּכלית, —
צו פֿאַלן האַסטיקער אין אויפֿגעקראַכטן תּהום.

איך וועל ווערט זיין אַ שיינעם בוקעט בלומען.

פארנאכטן

יום־טובדיקע פארנאכטן

אין שטילע יום-טובדיקע פארנאכטן,
ווען ס׳שווארצט זיך די לופט
מיט זיידענער גלאטקייט
און די שטערן הענגען,
ווי זילבערנע ברעליאקן
ארום דעם הימלישן האלדז
פון דער נאכט-קעניגין,
איז מיר גוט.

און נאר אין אזעלכע שימערנדיקע נעכט
רייסן זיך מיינע הענט
נאך די גאלדענע לייצעס
אין געשפאן
פון איינזאמקייט.
אויף אלע הויכן!
פריי ווי די לופט;
ווו דער ווינט קאן נאר דערגרייכן.
אין שטילע יום-טובדיקע מאמע-נעכט
איז מיין וועזן איינגעוויגט
אין די ווייכע נאכט-ארעמס,
איך לאשטשע זיך צו איר
מיט ציטערנדיקע הענט.

צו גיין באַנאַנד. —
מיין שווער געמיט
צעפּאַלט, צערינט,
כ׳בין דאַן אין דער אורשטילקייט פאַרשפּינט
און טרינק די לופט פון איינזאַמקייט,
ווי זיס פאַרשיכורנדיקן וויין.
ווי גוט איז מיר צו זיין אַליין.

דאָס בלוט פּליסט
מיט געזאַנג,
אין מאַרך טויכט אויף
אַ געדאַנק נאָך אַ געדאַנק,
ווי העלע בונטע זומער־פייגעלעך.
ווערטער, פערזן,
זיך שיטנדיקע — בלומען,
פליסן פון מיין פעדער
און איך קאָן דער שטילקייט ניט אַנטקעגנקומען, —
איך ווער אַליין אַ קלאַנג.

כ׳בין איצט מיט אַלע חושים מיינע
אין וועלטישן אינדערמיט,
כ׳בין אין נאַכט איצט פאַרוועבט
און מיר דאַכט,
אַז כ׳שטאַרב אין אַנטציקונג
מיט מיין ליד!

געבעט

לייג זיך אויף מיר, פוילקייט,
ווי דער נאַר אויפן שלאָף,
ווי די גלייכגילט אויפן מת.
זאָל נאַכט אַריבער
איבער מיינע שעפּטשענדיקע ליפּן
און גליווערן מיין ניגון,
ביז טאָג וועט ווייסע רו מיר געבן,
כ'זאָל צעפלויגן ניט זיין,
כ'זאָל צוריק אין מיין געשפּאַן אַריין.
ניט שפּעטיקן,
אויפנעמען דעם גאַנצן העק, דעם וועלטן־פּיין,
וואָס לאָדנט יעדע שעה אין טאָג —
און נאַר ניט מיט איינעם באַלאַסטעט זיין!
דערווייל לייג זיך אויף מיר, פוילקייט,
ווי דער נאַר אויפן שלאָף.

אין מיין צימער

איך האָב אַ באַזונדערן הימל.
אַ הימל מיט שטערן,
וואָס מיר נאָר געהערן.
איינגעפּאַסט אין מיין פענצטער,
קלויב איך מיר
דעם גרעסטן, דעם שענסטן.
אָדער איך צייל זיי אין מיליאָנען.

אויך די לבנה איז צו גאַסט ביי מיר.
איך קוק אין איר שפּיגל
און זע מיין געזיכט, אַ בלאַסן זיגל.
מיר זיינען איינס, איך אין בעט, זי אויפן בלאָען באַלקן
הוידעט זיך ווי אַ וויגל.
פּלוצלונג פאַלט אויף איר אַ גרויער וואָלקן,
ווי אַ שילדקרויט אין געוועט
און פאַרשלעפּט זי ערגעץ העט...
ווערט טונקל אין מיין צימער,
פאַלט אַראָפּ דאָס זילבער־באַשלעג פון סופיט
און שטערן פאַרשווינדן
מיט באַרוועסע טריט.

און שווימט זי ווידער אפער,

דאַכט זיך,
איז זי זויבערער און העלער ווי פריער.

איז מיט מיר דען ניט אַזוי?
פרעסן טעג אויף מיר,
ווי אַ וואָלקן-ברוך לבנהס געזיכט,
איך וואַקל מיך און שטרויכל שיער
און האַלט דאָס גלייכגעוויכט,
איך שווים אַפער נאָך שטראַלנדיקער
און בלאַנק ווי אַ שטערן אַ פאַרביקער.

איך און נאכט

בלויאיקע נעכט, נאכטיקע בלויען,
טורעמט אויף דאס געמיט מיין,
געפילן קוועלנדיקע הויכט אין מיר אריין.
זאפטיקע נעכט, מילד פינקלענדיקע,
שטראלט מיך דורך מיט אייער בלוי געזאנג,
כ׳וויל פון אייער עכא זיין כאטש איין קלאנג,
בלויאיקע נעכט, נאכטיקע בלויען.
אז ניט, וועל איך אייערע קופאלן צעטרייסלען!
און ס׳וועלן זיך אויפמאכן
אלע פארשלאסענע געמאכן,
ביז דעם סאמע לעצטן,
בלויאיקע נעכט, נאכטיקע בלויען.
וועבט מיך אריין אין אייער זינג-זאנג שווייגן,
כ׳זאל איבער מיר אריבער, מיך אריבערשטייגן.
כ׳זאל ניט שטיין, ווי צעטומלט מיט בליקן פארלוירן,
אין אייערע בלוי-שווארצע וועלן צעפלאסן
און מיט א ציטער, ווי מיט בושה באגאסן,
ווי איך וואלט א נאקעטע געשטאנען,
פאר אייך, בלויאיקע נעכט, נאכטיקע בלויען.

וואָס מען האָט פון מיר געמאַכט

ווען כ'לאָז מיך אין מידן שלאָף אַראָפּ,
מאַכט פון מיר אַ פאַרזעעניש מיין בליי־שווערער קאָפּ,
אין צאַפּלדיקן שריי, אין הייסן קאַמף־געפּעכט
באַניי איך אַלטע טעג אין די קאָשמאַרן־נעכט.

אַזוי זענען נעכט — מיינע גרעסטע פיינט,
איינגעקלעמט דאָס האַרץ, דער שלאָף אין מיר וויינט;
אַ מוראדיקער ווי אין קישן זיך באַהאַלט
און ביטערניש אין מויל מיט ביטערניש פאַרגאַלט.

נעמען אַרויסשווינדלען אַלטע טעג און גייען,
ווי די מתים אין קאַטאַקאָמבן אין די רייען.
ווער איך אויפן שלאַכט־פעלד פון מיין געלעגער צעטרעטן,
אינעם סקריפּענדיקן מאַרש פון ביינער־סקעלעטן.

פייפט ערגעץ ווו אַ צעבאַלעוועטער ווינט,
דער איינציקער ניגון פאַר אַ פאַריתומט קינד,
וואָס וויגט ערגעץ פלאַנצן צעשאָטן אין וויסטן —
נשמות אין בליטן אין העק אויף די מיסטן.

שלענגלט זיך אַ זינג־זאַנג אויפן גומען,
וועלן מיינע ליפּן גלייך אים פאַרשטומען.

צי גאָר אַ שמייכל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ האַס
און נקמה דרייט מיר אויס דאָס מויל אין אַ גרימאַס.

כ׳קאָן קיין בלום אין פעלד ניט רייסן צווישן בלאָנדער תבואה,
אַנשטאַט גאַרבן זאַנגען, מתים טאַנצן אין אַ בלוטיקער רצועה,
באַפאַלן מיך געדאַנקען, ווי בייזע הינט, וואָס שפּירן מיך פאַרטייעט
און כ׳קאָן ניט מער פאַרטיליקן, וואָס עס איז אין מיר פאַרזייעט.

איך וועל שוין קיינמאָל ניט קאָנען זינגען קיין אידילע,
איך בין אַ בוך אַ שוואַרץ, אָן אַ פאַרפּוצטער הילע. —
מיין אויפגעקראַכטן צאָרן כ׳וועל אַרויס פון האַרץ אים יאָגן
און ס׳לעצטע וואָרט כ׳וועל דורך גאָט פון נקמה זאָגן!

פעברואר־נאַכט

בענקשאַפט, נאַגנדיקע, קלעמענדיקע,
בלוי־נעכטיקער פלאַטער,
שטן ניט געזעענער
און טויזנט מאָל מיך אַריבערגעוואַקסענער,
לבנה, גילגול פון מיין צורה,
ציטער פון מיין בלוט,
שטערן, זילבערנע שליסלען הימלישע,
עפנט אויף פון מיין געמיט דעם סוד
און זאָל אָפּגיין פון מיר
די בענקשאַפט!
און זאָל אַרויסטריפן פון מיר
די בענקשאַפט,
איבערצייטיקע פרוכט פון טראַכט!
גרייז־גרויע — יונגע בענקשאַפט,
בענקשאַפט אומענדלעכע,
גליענדיקע, צעוואַקסענע,
צעכוואַליעטער שטומער געשריי,
גראָב אין אַלע מיינע טיפן
און צום וואָרצל דערגיי.
פון וואַנען האָסטו זיך צו מיר גענומען,
זשומענדיקע, רויענדיקע בענקשאַפט?
ניט געזעטיקטער היישעריק,

איך קאָן דיך ניט דערגרונטן
און קאָן מיך ניט באַפרייען. —
טאָ זאָל זיין פון מיר אַ סוף!
שוין, די מינוט.
שריי מיך איבער,
צעשפּאַר מיך,
איך קאָן דיך מער ניט דערטראָגן.
מיט הענט צעפּלאָשעטע כ׳שטיי
און מיט אַן אָפן מויל,
אַז ס׳זאָל פון מיין אויפגעריסענעם געברום
אַרוים די בענקשאַפט!
אָט אַזוי,
אין אויסברוך פון אַ לאַווע,
אָט אַזוי
און פאַרשלינגען זאָלן מיך די פלאַמען
ביז אומקום!

מאדנע געדאנקען

אויפֿן טיש שטייען בלומען מיט רופֿנדן דופֿט
און צעשמייכלטע עפּל ראָזעווע צאַרט.
און ס׳פֿייער אין אויוון שפּילט זיך און קוועלט,
אַלץ איז געגרייט — ווי כ׳וואָלט אויף עמעץ געוואַרט.

געמיטלעך אין שטוב; ס׳שפּינט שטילקייט אַ טרוים,
נאַכט שטיפֿט מיטן ליכט, וואָס די שויבן באַהויכט.
מיין בליק פֿאַלט אין שפּיגל, דאָס אָפּבילד פֿאַרבלענדט,
ווי ס׳וואָלט אַ פּראָזשעקטאָר מיין פּנים באַלויכט!

אַזוי כ׳שטיי באַשטראַלט פֿון אַ ווילן, צו וואָס?
ס׳זאָל אומגעריכט עמעץ אַ קלאַפּ טון אין טיר,
זאָל זיין אַפֿילו אויף אַ טענה אַ שטרייט,
אָבער קיינער געדענקט ניט צו קומען צו מיר.

לעב איך דעם אָפּפֿלום פֿון חלום און צייט
און עס ליכטיקט באַגער, און עס לעבט זיך מיר עכט.
מיין יום־טוב פֿון שטוב ווידערקולט און פֿאַרשווינדט,
ווידערקולט און פֿאַרשווינדט איבער טעג, איבער נעכט.

אין שטילע מינוטן

אין שטילע מינוטן
ווערט פון מיין מוח אַ בלומען־בעכער,
ווו ס׳זשומען געהיימע באַגערן.
ווילט זיך דעמאָלט, נאָר זיך אַליין געהערן;
אינעם אייגענעם טעמפּל פון קילער רו
זיין פאַרמאַכט
און אָטעמען מיט שטילער נאַכט.
געדאַנקען־פּאַליעס, טראָגט איבער מיין פאַרלאַנג!
אַז ס׳זאָל אין מיר ניט אַריין
קיין שום פרעמדער קלאַנג,
ניין, קיין קלאַנג!...
אַז מיין סאַמע ליבסטער זאָל זיך ניט באַווייזן.
מיך לאָזן טרעטן אין אַלע הימל־וויטן
און פאַלן אַ מידע אין האַמאַק פון הימלישן גרויס
אין נאַקעטער לבנה־שויס.
אונטער ניגון פון אַ שאָרשנדיק בלאַט,
איינשלאָפן ווי אַ קינד אַ זאַט.
אין אַזעלכע טריפנדיקע פרייד־מינוטן
וויל איך טרוים זיין אויף עמעצנס וויע,
מיך אַדורכזיפן פון ערדישער וועלט,
פון מיין איך, וואָס מיך קוועלט,
אַרויסקניפּן פון אַלע פּענטעס און רימען...
און וויל אין סאַמע צענטער פון געטלעכקייט צעשווימען.

קאשמאַרן־נעכט

אָ, נעם מיך, זיסע רו, אויף איין מאָמענט!
און פאַרוויג מיך אין אַ טיפן שלאָף;
שליס צו די אויגן מיינע מיט לבנה־הענט,
מען שרעקט מיך און מען דראָט מיר אָן אַ סוף.

עס ווערט אין מיר צעגומען גאַנץ דער מוח
פון קאַשמאַרן אין אַ ווילד, צעהוליעט שפּיל;
אַ דיקע שיכט פון פּיין שפּאַרט איצט זיך דורך מיט כוח,
רייסט אויס מיין האַרץ און טרעט עס אויפן דיל.

צי וועלן ניט אַרויס פון דאָ די שאָטנס קרומע,
נאָר אויספּרעסן פון מיר דעם שמאַכטנדיקן שריי?
„ווער? אָ, וועמענס בין איך?" בעט איך זיך אַ שטומע
ביים שלאָף, וואָס גלעט די גלידער מיינע מיט אַ האַנט פון בליי...

אָ, נאַכט, שוואַרץ־חנוודיקע שוועסטער מיין!
פון מיין לעבן האָב איך דיר אַזוי פיל שוין פאַרטרויט:
דעם פריידיקסטן באַגער, די אמתדיקע פּיין,
דעם פלאַם פון לעבן און דעם רוף פון טויט.

ברענג זשע מיר שוין, נאַכט, אויף דיינע פליגלען רו.
איך בין דאָך יונג, פון אַלע קומענדיקע מאָרגנס יינגער.
כ'וויל לעבן כאָטש אין טרוים! מיין וויע העפט מיר צו.
שיק מיר דעם טאָג דעם לינדן אויף די שפּיצן פינגער.

פֿאַרלירט זיך מײַן בליק

האָט נאַכט זיך אײַנגעהילט אין בענקשאַפֿט
און װיקלט זיך אַרום דער װעלט.
פֿאַרלירט זיך מײַן בליק
אין נאַכט אַ גרין־באַװעגלעכער
מיט װײַסע פֿאַלמען־הענט,
מיט שפּילנדיקע פֿינגער...
אַ האַנט־אַקאָרד.

פֿאַרלירט זיך מײַן בליק
אין לבנה־אינדזל, אַ גײענדיק שטיק זילבער.
פֿאַרשװענדעריש טריפֿט אױס געמיט
אין פֿאַרקלעמטער נאַכט צװישן פֿינגער.

פֿאַרלירט זיך מײַן בליק
אין װײַכן קנײטש פֿון קעצישע טריט.
פֿאַרלירט זיך מײַן בליק
אין הימלען װי גליצינען איבער קעפּ,
װאָס שפּאַרן טיפֿע שאָרכן אױף;
שטערן כאַפּן זיי,
אַרױף, אַראָפּ,
אַראָפּ, אַרױף!

באַװעגט זיך גרינע נאַכט
אין געשפּיל פֿון פֿאַלמען־הענט.

פֿון אַלע קראַנעך פֿון וועלט-האַל,
פֿון אַלע רערן ביז טיפֿסטן טאָל
גיסט זיך גאָטס גענאָד.
פֿאַלט אַ טרער ווי אַ שטערן,
ווערט אַ זיפֿץ צעזייט,
אַזוי שיין איז נאַכט,
אַזוי איז נאַכט שיין,
אַז ס׳פֿאַלט פֿון אויג אַ פֿולער בעכער...

גרינע רו

ווי קאָן מען פאַרבייגיין פאַר דיר, נאַכט,
ניט בויגן דעם קאָפּ פאַר דיין גרינעם אויסטריף,
פאַר דיין נישט געצוימטער מילדקייט,
פאַר דיין נישט געמאָסטענעם מהלך.
זינג אין מיר אַריין, גרינער זשאַר פון נאַכט,
זינג אין מיר, גרינער אויסגוס פון הימל־לאַנד,
האָסט דעם טאָג פאַרמאַכט,
ווי אַ פלאַטער זיינע פליגל
און מיך האָסט צעעפנט.
איך בין צופלוס — אָפּפלוס,
נאַכט טיף שטייגנדיקע!
דינאַמישע שטילקייט,
רוף אין אָפענע טירן פון אייביקייט,
שטיינער ריים,
וועק!
אַז מענטש זאָל ווי דו זיין,
אַז מענטש זאָל פרידן זיין!
ווי קאָן מען פאַרבייגיין פאַר דיר, נאַכט,
ניט אָפּפאַרבן זיך פון דיין פרידן־אויסטריף?...

דערמאָנונג

כ׳בין אַרויס אין דער נאַכט,
אויפהענגען אַלע פריידיקע מינוטן פון מיין לעבן
אין דער נאַכט־הוידלקע.
זיי זאָלן ווי שטערן
אַ שימער טון פאַר מיין שוואַרצאַפּל
און פאַרשפּילן מיין געמיט.

זיינען זיי אָבער אין באַגינען פון מיין לעבן
פאַרבלאַסט געוואָרן
אונטער אַ שוואַרצן וואָלקן!
אָפּגעלעבטע טעג, ווי קאַרליקעס,
צעהענגען זיך פאַר מיין אויג. —

ווי אַ יעגער אין זיין פאַנג
צילט מיין ברודערס שמייכל אין מיר,
ער האָט אַ קוש, ווי אַ חתימה, אויף מיין באַק געלאָזט
און מיט דער אייביקער מתנה
כ׳בין אַוועק אין וועג.
„מיר וועלן זיך אפשר קיינמאָל מער ניט זען“,
האָט ער דורך טרערן אַ שטאַמל געטון
און דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל.

פארלענדט איז זיין געביין.
ווען איך חלום אים אויס,
און כ׳נעם פון אַש אים אַרויס,
אויפן זעלבן פּלאַץ ער שטייט
און ווידער נעמען מיר אָפּשייד.

כ׳בין אין דער נאַכט אַרויס,
אויפהענגען אַלע פרייד יקע מינוטן אין רוים,
האָבן אָפּגעלעבטע טעג, ווי קאַרליקעס,
אויפגעשטעלט פאַר מיר אַ צוים.

איך און וועלט

כ'בין איינגעבונדן אין דער וועלט פון גאָטס חסד,
טוי פון שטילקייט טריפט איבער מיינע גלידער.
נאַכט.
זינגענדיקע כישוף־טענער,
געניום פון אַלע קלאַנגען!
טרינק מיך אָן ווי אַ שוואָם,
נעם מיך אין די לייצעס פון דיין געמאַך
און ווער מיט מיר אַנטרונען. —
אַז ניט,
וועל איך אויף דעם לבנה־שיפל
אַוועקשווימען צו גאָטס שוועל.
כ'וועל אַדורכזיפּן די שטערן דורך מיינע פינגער
און וועל מיין מזל זוכן צווישן זיי.
כ'וועל אויפברעכן ס'אייז פון דיין גנעדיקן סוד
און וועל, ווי אַ שטילער קוואַל ביי דיין צופוסנס,
זיך אַריינגיסן אין דיין אומענדלעכקייט.
ווי אַ צעפלאַמטע,
באַזאַכט,
כ'וועל הויכן צו דיין גענאָד.
יאָ. איך!
אַ טיילעכל פון דיין גרויס,
אַ פינטעלע פון דיין ווערק,
אַ שטויב פון דיין קאָלאָס!
כ'בין איינגעבונדן אין דער וועלט פון גאָטס חסד,
טוי פון שטילקייט טריפט איבער מיינע גלידער.

אינהאַלט

I. טוי פון שטילקייט

זעלבסטפּאָרטרעט 9
מיין היים 11
פאַרוואָס? 15
צום ווארצל 16
נעם מיין האַרץ און טרינק דיך אָן 17
כ׳גיי אויף 19
ליד 20
צום אָפּנויג 21
ביי מיין טויער 22
איך האָב מיך פאַרטראַכט 23
אויפן שוועל 25
אַ פּיאָלעטענער פּיש 26
אַליינזיינקייט 28
ווי גוט... 31
איך בין אַ קינד 32
לאָמיך אַ זינג טון 33
צו דער הונדערטסטער יאָרצייט פון פרידריך שאָפּען . . . 34
?... 35
צו דער זון 36

כ׳בין אומרו 37
פרייד 38
אומעט 39
מיין סוד 41
עם פאַלן מיינע הענט 42
וויג-ליד 44
אָדע צו דער וועלט 45

II. ליבע־לידער

איך האָב ליב 49
ווי ס׳וואָלט איצט געווען 51
דאָס שטומע געבעט 53
דיין סיגאַרעט 55
טויבן 56
דו שפאַנסט... 58
דו און איך 60
דו ביסט ניט געקומען 61
כ׳האָב געוואַרט 63
דריי... 64
געבעט צום טאָג 65
זאָרגן 67
אַליין... 68
איך וועל ווערט זיין 69

III. פאַרנאַכטן

יום-טובדיקע פאַרנאַכטן 73
געבעט 75

אין מיין צימער 76
איך און נאַכט 78
וואָס מען האָט פון מיר געמאַכט 79
פעברואַר־נאַכט 81
מאָדנע געדאַנקען 83
אין שטילע מינוטן 84
קאָשמאַרן־נעכט 85
פאַרלירט זיך מיין בליק 86
גרינע רו 88
דערמאַנונג 89
איך און וועלט 91